# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

יחדו
תשפ"א לפ"ק
גליון קנ"ה

## פראגע

### וואס איז די תועלת פון שניי און אייז?

## ענטפער:

"משליך קרחו כפיתים" – דער אויבערשטער ווארפט זיין אייז אויף דער וועלט אזוי ווי ברעקלעך ברויט (תהלים קמ"ז, י"ז). **אייז איז ברויט. שניי איז ברויט.** וויאזוי? שניי האלט זיך א לאנגע צייט. עס צעלאזט זיך שטאטלעך און אזוי זאפט זיך עס איין אין דער ערד. נישט ווי רעגן וואס לויפט אפ אין די טייכן און ימים. ניין, די שניי צעלאזט זיך צושטאטלעך און עס זאפט זיך איין אין דער ערד און עס ווערט ברויט. די צעלאזטע וואסער פון די אייז און שניי ווערט צוביסלעך אריינגענומען אין דער ערד אנשטאט אפלויפן, און דאס איז פונקט וואס די ערד דארף צו קענען פראדוציר'ן שפייז. ווען דעם זאגט די גמרא אז **איין שניי איז ווערד אזוי ווי פינף רעגנס** (תענית ג:ב.)

אודאי, אויף די שטאטישע גאסן קען עס אויסקוקן נערווירנד. אבער ס'איז דארט פאר זייער א וויכטיגע סיבה. אויף די שטאטישע גאסן קומט די שניי אונז צו **דערמאנען** דער נס פון אייז און שניי. שניי איז הערליך און אין די זעלבע צייט קען עס זיין נערווירנד, אבער סיי-וויאזוי קומט עס צו דערמאנען דעם נס פון ברויט. ווען מען עסט ברויט און נאראפטיגע פרוכט אין די פרילינג, קומט עס בלויז א דאנק די שניי וואס איז געפאלן ווינטער.

אויב איר זענט א פַּארמער אויפ'ן פעלד, וואלט איר ליב געהאט שניי. עס צעגייט זייער שטאט און גיבט די פעלד א גוטע טרונק פון וואסער. אדאנק דעם וועט איר אינעם פרילינג האבן א גוטע תבואה. במילא, **"משליך קרחו"** – ער ווארפט ארא זיין אייז, **"כפיתים"** – ווי ברעקלעך ברויט. פארגעסט עס נישט! אייז איז ברויט. קיין שום פראגע נישט.

און אין שטאט איז די שניי **דעת השם**. עס איז דא אייך צו דערמאנען אויף דעם חסד ה' פון שניי און ברויט און שפייז – עס דערמאנט אייך פון די שניי אויף די פעלדער און בערג. אז נישט קען מען פארגעסן דערפון. ווען מען קוקט אויף שניי, זעט מען דעם חסד ד' וואס איז דא אין שפייז. יא, דאס איז זייער א וויכטיגער ציל פון די שניי אין שטאט.

אלזא, ווען איר שאוועלט די שניי אדער איר גייט אויפ'ן סיידוואלק, פארפאסט נישט דעם געלעגנהייט. קוק אויף די שניי און געדענק אז השי"ת גרייט יעצט אן די ערד פאר'ן פרילינג און זומער. דאס איז פארוואס עס שנייט אין דער שטאט.(E-174 #)

## פראגע

### וויאזוי קענען מיר מאכן אונזערע ווייבער צופרידן מיט אונזער עבודה און פארשריט אין רוחניות?

## ענטפער:

אויב איר נוצט אויס די געלעגנהייטן אינדערהיים צו אינספירירן אייער משפחה מיט די אלע שטערבונגען. אויב א מענטש קומט אהיים פון כולל, אדער ישיבה, און ער איז טרויעריג, ער איז אנידערגעשלאגן – ווייל אין כולל האט עמיצער געמאכט אסאך געערדער זאגנדיג א שטיקל תורה, און ער איז מקנא, ער קען דאס נישט – און במילא קומט ער צוריק פון ישיבה אראפגעקלאפט און צעבראכן, און ער איז בייסיג אינדערהיים, זיין ווייב זעט נישט קיין שום פרייליכקייט אין זיינע ערררייכונגען. זי וועט אים זיכער נישט מחזק זיין אנצוהאלטן צו זיין אומפריילינג.

אבער אויב ווען ער קומט אהיים רעדט ער מיט **דערהויבנקייט**, כסדר, און ספעציעל ביים שבת טיש. ער רעדט איבער באגריפן פון די חסדי השם, ער רעדט איבער באגריפן פון די שיינקייט פון כלל ישראל, ער רעדט ווענן די גרויסקייט פון תורה, און ער אינספירירט זיין ווייב – **דאס איז זיין אויפגאבע**, איר אויפצוהייבן! וואס דארף זי דען צו טון? סתם צו בלייבן אינדערהיים און קאכן פאר אים, בשעת ער שטייגט אין די ישיבה? ער דארף **אפשפיגלען** אינדערהיים אביסל פון זיין שלימות, אביסל פון זיין פארשריט.

אויב ער טוט דאס, וועט זיין ווייב מיטגיין מיט אים. אויב די קינדער זעען אז דער טאטע איז אינטערעסירט צו מאכן די הויז א פרייליכע פלאץ – ער קומט צוריק פון שול, אפילו ער איז נישט קיין ישיבה-מאן, אפילו ער איז אן ארבעטער, ווען ער קומט צוריק פון שול און ער שיינט מיט גליק, ער זאגט זיי ווי געוואלדיג דאווענען איז, ער רעדט וועגן די וויכטיגקייט פון גיין אין שול און וואספארא קדושה עס איז, און ער מאכט די הויז שפירן ווי דאס איז א המשך פונעם ביהמ"ד – ווי עס שטייט "אם אתה תבוא אל ביתי אני אבוא אל ביתך" – אויב דו קומסט צו מיין הויז וועל איך קומען צו דיין הויז. ער ברענגט די שכינה מיט מיט אים ווען ער קומט אהיים.

אויב א מענטש קומט אהיים פון שול פרייטאג צו נאכטס און ער איז בשמחה, זיין פנים שיינט, און ער זאגט שלום עליכם, און די הויז איז פול מיט פרייליכקייט, דאן ברענגט ער אריבער די אלע התעלות וואס ער האט זיך אנגעשעפט אין שול זיך צו אהיים. אבער אויב נישט איז עס זיין אייגענע שולד.

במילא, דאס דארף זיין דער ציל אין לעבן. ער זאל פארזעצן צו שפאנען פאראויס, און אין דער זעלבער צייט דארף ער מיטשלעפן זיין משפחה מיט אים. זיין ווייב דארף מאכן פארשריט צוזאמען מיט אים; ער זאל נישט פארנעכלעסיגן זיין ווייב'ס רוחניות'דיגע דערגרייכונגען.

## פראגע

### וואס גייט זיין מיט די ליובאוויטשער חסידים, און די סאטמארער חסידים, און די בעלזער חסידים, ווען משיח וועט קומען?

## ענטפער:

דאס איז צו א גרויסע שאלה פאר מיר צו ענטפערן. אבער איין זאך וועל איך אייך אבער יא זאגן. דאס וועט פאסירן – זיי וועלן זיין פרייליך! זיי וועלן זיך אלע פרייען! עס איז קיין שום שאלה נישט, זיי וועלן אלע צוזאמען זיין גליקליך. און זיי וועלן זיך אנכאפן איינער דעם צווייטן ביי די הענט און טאנצן אינאיינעם ארום משיח. קיין שום פראגע נישט! איך קען אייך דאס גאראנטירן.

די איינציגסטע שאלה איז, וואסערע נוסח וועלן זיי דאווענען? נוסח ספרד אדער נוסח אשכנז? איך טראכט אז ס'וועט זיין א הכרעה דארט. עס וועט זיין א סנהדרין, און די סנהדרין וועט זאגן אז מיר זאלן אלע צוריקקומען צום ארגינעלן נוסח. וואס איז דער ארגינעלער נוסח? דאס איז די יעצטיגע פראבלעם. וואס איז געווען דער ארגינעלער נוסח? די אנשי כנסת הגדולה האבן געמאכט נאר איין נוסח; זיי האבן נישט געמאכט צען אנדערע נוסחאות.

איז אין יענע צייט וועלן מיר צוריקקומען צום ארגינעלן נוסח, און יעדער וועט אויסגעפונען אז זיי מאכן געוויסע טעותים. יעדער זאגט עפעס אומריכטיג – נישט צו סך, מיר זענען יוצא סיי-וויאזוי. אבער אין משיח'ס צייט וועלן מיר צוריקקומען צו איין נוסח. און דאן **ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד**. יעדער וועט אויסרופן צום זעלבן באשעפער, מיט'ן זעלבן שפראך, דעם זעלבן נוסח פון תפלה. (810 #)

## פראגע

### אויב איך בין געשעדיגט געווארן דורך א צווייטן איד, האב איך נאך אלץ א חיוב אים ליב צו האבן?

## ענטפער:

אויב איינער איז געשעדיגט געווארן דורך א צווייטן איד, מוז די ליבשאפט פאר דעם איד ווייטער אנהאלטן אומגעשטערט.

און דאס איז ווייל דער 'מעסטער' וואס זאגט אונז וועם צו ליב האבן און ווען צו ליב האבן איז נישט אונזערע געפילן און אינסטינקטן – אונזער מעסטער איז די ווערטער פון הקדוש ברוך הוא.

יעצט, איר האט רעכט אים צו רופן צו דין תורה, און אונטער געוויסע אומשטענדן "עביד איניש דינא לנפשיה" - צומאל ערלויבט די תורה צו נעמען דעם געזעץ אין די אייגענע הענט. און איר דארפט אים זאגן וואספארא שלעכטס ער האט געטון צו אייך, ווייל די תורה זאגט "לא תשנא את אחיך בלבבך" - מען טאר נישט פיינט האבן קיין איד אין הארץ. און דער רמב"ם איז מסביר כדי עס זאל נישט בלייבן נעסטעווען אין הארץ. זאג אים, ארבעט עס אויס מיט אים אפענערהייט.

דערפאר, דער פאקט אז איינער האט אייך שלעכטס געטון מיינט נישט אז ער ווערט פסול, אויס-ווערד פאר די מצוה פון אהבת ישראל. בלויז ווען ער איז מער נישט קיין ריער במצוות - ווען ער איז נישט קיין איד וואס היט די תורה, נאר דאן איז נישט נוגע אויף אים די מצוה פון אהבה. אבער אויב א מענטש האלט תורה ומצות, אין אלגעמיין היט ער די תורה, מאכט נישט אויס וואס ער האט דיר געטון. דו ביזט נאך אלץ מחויב אים ליב צו האבן. איך פארשטיי אז ס'איז נישט קיין גרינגע זאך צו טון, אבער דאס איז דער חוק התורה, דאס איז וואס די תורה פארלאנגט און דאס איז וואס ס'איז ערווארטעט פון אונז על פי דין תורה. (TAPE # 928)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com



באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נעם שבת
פרשת שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העלי' לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב